STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00818

LIDER FAR YIDISHE KINDER

Jacob Isaac Segal

Permanent preservation of this book was made possible by
Martin & Edith Polon
in memory of Edith's parents, Israel & Sara Fogel & their five children
who perished in the Shoah

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פאַר יידישע קינדער

זיבן בינטלעך

פון

י. י. סיגאַל

★

★

★

★

★

★

★

אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג

ניו־יאָרק 1961

Poems for Jewish Children

by

J. I. SEGAL

•

אילוסטרירט פון חנה סיגאַל־זאַקוטאַ

•

EDUCATIONAL DEPARTMENT OF THE
WORKMEN'S CIRCLE, NEW YORK
1961

27

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec

די זיבן בינטלעך לידער :

א. זיינען געגאַנגען צוויי לייטישע גראַמען — — — — — — 5

ב. קלאַפּט דאָס רעגנדל אין שויב — — — — — — — — — 25

ג. דאָס צוקערל איז זיס — — — — — — — — — — — 51

ד. שפּילן זיי זיך, מיינע קינדער — — — — — — — — 73

ה. גוט־שבת, גוט־יום־טוב — — — — — — — — 79

ו. פון מיין אַלטן אלף־בית — — — — — — — — — — 95

ז. אַז מען האָט אַ נאָז אַ לאַנגע — — — — — — — — 103

* * *

י. י. סיגאַל — דער גרויסער יידישער דיכטער — געבוירן אין יאָר 1896, געקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1912, נפטר געוואָרן מערץ 1954 — איז כל ימיו אויך געווען אַ לערער פון יידישע קינדער און האָט געשריבן ממש אַן אומצאָל קינדער־לידער. לרוב זענען עס אָבער געווען לידער וועגן קינדער בכלל און יידישע קינדער בפרט, און נישט לידער פאַר קינדער. די דאָזיקע לידער סיגאַלס זענען דערשינען אין קינדער־צייטשריפטן און — בעיקר — יעדן דאָנערשטיק אין דער קינדער־אָפטיילונג פון „קענעדער אָדלער" — אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר — טויזנטער לידער.

דער י. י. סיגאַל־קאָמיטעט, וואָס האָט אין יאָר 1955, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון סיגאַלס דיכטונגען, אונטערן נאָמען „לעצטע לידער", און וואָס האָט צוגעזאָגט פאָרצוזעצן דאָס אַרויסגעבן די שאַפונגען פון דעם דיכטער, גיט איבער דער יידישער עפנטלעכקייט דאָס דאָזיקע בוך, אונטערן נאָמען „לידער פאַר יידישע קינדער". דער איצטיקער אָפקליב איז געמאַכט געוואָרן נאָך דורכקוקן צענדליקער קאָמפּלעטן פון „קענעדער אָדלער", וואו סיגאַלס קינדער־לידער זענען דערשינען, אויך — אַזויפיל ווי מעגלעך — קינדער־צייטשריפטן. אין דער אַרבעט האָבן אַרויסגעהאָלפן: איטע וויינמאַן, חנה וויסמאַן, וואָלף כייטמאַן, איידע מאזע, אסתר סיגאַל, מרים קראַנט, משה מ. שאַפּיר, א. ש. שקאָלניקאָוו, רחל אייזענבערג, מלך ראַוויטש. די לעצטע רעדאַקציע האָבן דורכגעפירט: שלמה וויסמאַן, מרדכי חסיד, מ. ראַוויטש, יחיאל שטערן.

צו דער אויסשטאַטונג פון בוך זענען צוגעצויגן געוואָרן די טעכטער פון דעם דיכטער: שיווקע סיגאַל־לוסטגאַרטן און חנה סיגאַל־זאַקוטאַ. די אילוסטראַציעס צו די לידער, וואָס דערשיינען אין דעם דאָזיקן בוך, זענען אַלע געצייכנט געוואָרן דורך חנה סיגאַל־זאַקוטאַ.

די אויסגאַבע איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דעם סיגאַל־פאָנד, לויט דעם אויסגעשפּראָכענעם וואונטש און ווילן פון עלקע סיגאַל, דער אלמנה פון דעם דיכטער.

דעם פאַרלאַג און די פאַרשפּרייטונג פון די „לידער פאַר יידישע קינדער" האָט אויף זיך גענומען דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג אין ניו יאָרק, דירעקטאָר זלמן יעפרויקין.

לערער, עלטערן און יידישע קינדער — וועלן אַ סך קינסטלערישן נחת שעפּן פון די דאָזיקע לידער, וואָס — פונקט ווי סיגאַלס פּאָעזיע בכלל אין דער יידישער ליטעראַטור — האָבן זייער אייגן אָרט אין דער יידישער קינדער־דיכטונג.

יוני 1961.

י. י. סיגאַל־קאָמיטעט, מאָנטרעאל

די גראַמען

אַזוי ווי די קייטעלעך
זיינען די גראַמען:
זיי בינדן די שורות
פון די לידלעך צוזאַמען.

גאָלדענע קייטעלעך
פינקלען און גלאַנצן,
די לידעלעך זינגען,
די לידעלעך טאַנצן.

גראַמען

זיינען געגאַנגען
צווײ לײטישע גראַמען,
אַזוי ווי די הענער
מיט גאָלדענע קאַמען.
זיי זיינען געגאַנגען
טריט ביי טריט
זוכן אַ וואוינונג
פאַר זיך אין אַ ליד.

און ווי נאָר זיי זיינען
מיט מי קוים געקומען,
האָט מען זיי זייער
נישט פיין אויפגענומען.
מען האָט זיי געזאָגט,
אַז די היינטיקע לידער
זיינען מיט גראַמען
שוין לאַנג קידער־ווידער.

נאָר איינמאָל פאַרנאַכט
האָבן די גראַמען געטראָפן
צו אַ בחורל וואָס מאַכט
קינדערישע סטראָפן;
האָט ער זיי גענומען
ווי זיי שטייען און גייען
צו צווייען, צו צווייען.
זיי האָבן מיט זייערע
גלעקלעך געקלונגען
און קינדערלעך האָבן
צום גראַם געזונגען.
אַ גראַמל אַריין
אַ גראַמל אַרויס
די מעשה איז אויס.

פעטער יויסע

כ׳האָב אַ פעטער
הייסט ער יויסע,
טראָגט ער שטיוול
זייער גרויסע,
אַ פּאָר הויזן
ברייטע לאַנגע,
און זיי שלעפּן
זיך ווי שלאַנגען.
נאָר זיין היטל
ווי אַ פויגל
זיך אַרויסגעכאַפּט
פון שטייגל,
זיך געשטעלט
אויף יויסעס אויער
און ער צוויטשעט
פרייד און טרויער.
פעטער, זעט נאָר
אייער היטל
וועט פון קאָפּ זיך
טון אַ שליטל.

אַ גאָלדענע באַן

טייער ייִנגעלע
זײַ מײַן פֿרײַנד,
לאָמיר זיך שפּילן
אינאײנעם הײַנט.

כ׳האָב אַ ביכעלע,
איז דאָרט פֿאַראַן
אַ ליד, אַ מעשהלע
פֿון אַ גאָלדענער באַן.

די רעדער זילבערנע,
פֿון גאָלד די ווענט,
קרישטאָל די פֿענצטער,
עס בליצט און בלענדט.

וואו לויפֿט און יאָגט אַזוי
די באַן געשווינד?
צום לאַנד, צום וואונדערלאַנד,
מײַן ייִנגעלע־קינד.

און ווער זיצט אינעווייניק
אין באַן אַצינד?
נאָך קיינער קיינער ניט,
מײַן ייִנגעלע־קינד.

אַ קעלבעלע

שטייט אויפן טעלערל
אויסגעמאָלט
אַ שיין קעלבעלע
פון גאָלד.

דעם קעלבעלעס האַלדז
איז זייער דין,
דאָס גראָז אויפן פעלד
איז זייער גרין.

בייגט דאָס קעלבעלע
איין דעם קאָפּ
און טשיפּעט דאָס גראָז
דאָס זיסע אָפּ.

איך און קעלבעלע
עסן מיר ביינאַנד
פונעם ווייסן טעלערל
ווי פון דער מאַמעס האַנט.

זונטיקביים שוסטער

ביים שוסטערס פענצטערל
בין איך געשטאַנען.
היינט איז זונטיק — איז דאָרט
קיינער נישט פאַראַנען.

ליגט דאָס לעדער־פאַרטוכל
אויפן טישל געוואָרפן
און דאָס שוסטער־מעסער
ליגט — אין מיטן שאַרפן.

און צוויי קינדער־שיכעלעך,
צוויי — אַזעלכע קליינע
און אַזעלכע טרויעריקע
און אַזעלכע שיינע.

נישט אָפּגענומען האָט זיי
די אָרעמע שכנה,
די טרויעריקע שיכעלעך,
די שיכעלעך די קליינע.

האָט געקלאַפּט דאָס העמערל
טשוועקעלעך פון אייזן —
אַזוי ווי אינעם לידעלע
פון אברהם רייזען.

דאָס העמערל ליגט שטיל
און שטיל די שיכלעך קליינע,
און באָרוועס איז געבליבן
דאָס יינגעלע פון דער שכנה.

די באָבע

זיצט די באָבע ביי דעם אויוון
און פּליקט פעדערן.
פעדערן פאַר קישעלעך,
אַ קישעלע פאַר יעדערן.

מאַכן וועט די באָבעניו
קישעלעך גאָר קליינינקע,
פּופּצן פּוכיקע קישעלעך
פאַר אירע פּופּצן אייניקלעך.

וועלן אויף די קישעלעך
ליגן קליינע קעפּעלעך,
קעפּעלעך געשוירענע
און קעפּעלעך מיט צעפּעלעך.

זיצט די באָבע ביי דעם אויוון
און פּליקט פעדערן.
פּופּצן קליינע קישעלעך,
אַ קישעלע פאַר יעדערן.



ב ע ר ע ל ע

בערעלע ציט זיך
און וויל ווערן גרויס,
כאָטש ביז צום קיך־טיש
אין זייער הויז.

טוט זיך אַ צי
און אַ לאָז זיך אַראָפּ,
טאַפּט זיך ביים אַקסל,
טאַפּט זיך ביים קאָפּ.

איז אָבער בערעלע
קליין ווי אַ האָז,
קליין ווי דער עק
פון דעם עלעפאַנטס נאָז.

אוודאי וועט בערעלע
אויסוואַקסן גרויס
אפילו אַריבערן
טיש פון זייער הויז.

פעטער שמחה

מיר האָבן אַ פעטער, אַ גרויסן
רופט מען אים שמחה הגדול.
קומט ער צו משפּחה זיך פרייען,
עסן דאָרט לעקעך און שטרודל.

טוט ער זיך נאָר דערוויסן
אַז מ׳האָט אַ לעקעך געבאַקן,
קומט ער צו לויפן פאַרסאָפּעט,
קייט ער אויף ביידענע באַקן.

פעטערל שמחהלע טייערער,
מיר האָבן אַלע אים גערן,
און זיינע מעשהלעך אויכעט
האָבן מיר האָלד צו הערן.

און מעשהלעך האָט ער נאָר זיסע,
פון לעקעך און שטרודל און ווײַנען,
פון קיכלעך, צוקערלעך, האָניק,
פון טרינקער־ און עסער־פאַרשוינען.

און תמיד פון שמחות אַזעלכע,
פון נעכט ביז די בלויע פאַרטאָגן,
שיכורימלעך, טייערע יונגען,
אַ נאַכט אין אַ זינגענדיקן וואָגן.

עס גלאַנצן ביים פעטער די אויגן,
עס טאַנצן ביים פעטער די ברעמען:
וואו נעמט מען אַזאַ לעקעך אַ גרויסן?
אַ לעקעך — דער רוח זאָל עס נעמען!

אַ לעקעך — און כ׳רוף די קבצנים
אַריין פונעם גאַנצענעם דרויסן —
און ווי ס׳איז היינט וואָכיקער מיטוואָך,
ווערט פלוצלונג אַ יום־טוב אַ גרויסער.

אין דער ברייט

וועלדער ווערן העכער,
טייכן ווערן לענגער,
פֿעלדער ווערן ברייטער,
אַלע זאַכן אויף דער וועלט
וואַקסן, וואַקסן, וואַקסן.
אינדערהויך
און אינדערלענג
און אינדערברייט.
נאָר פֿאַראַנען
קינדערלעך אַזעלכע
וואָס זיי וואַקסן נאָר
אין - דער - ברייט
א-י-נ-ד-ע-ר-ב-ר-י-י-ט.
פֿאַרוואָס?
ווייל זיי זיצן מן הסתם
צופיל אויף אַן אָרט.
גייען ווייניק,
שטייען ווייניק,
שפּילן זיך ווייניק,
שווימען ווייניק.
טויג עס טאַקע ניט.
זאָגט זיי טאַקע,
אַז עס טויג ניט.
זיי וועלן ווערן ברייט, ברייט, ברייט,
ווי די קיילעכדיקע ברייטלעך
אין דער ברייט.

פ אַ ר נ א כ ט

זיצט דאָס ייִנגעלע
ביים פענצטער פאַרטראַכט.
— וואָס טראַכסטו ייִנגעלע?
פרעגט דער פאַרנאַכט.

דאָס ייִנגעלע שווייגט אַלץ,
בלייבט זיצן פאַרטראַכט.
און דער פאַרנאַכט אַליין
שטייט שוין אויך פאַרטראַכט.

אַ ש פּ י ל ע ר

שרהלע איז אַ שיינע,
חנהלע — אַ גוטע,
צירעלע האָט זייער ליב
שוואַרצן ברויט מיט פּוטער.

מענדעלע איז אַ שטיפער,
חיימל — אַ שטילער.
דודל האָט ליב צו זיין
אַ גוטער פידל־שפּילער.

האָט ער נישט קיין פידל,
שפּילט ער אויף אַ קעמל.
אַז ער זאָל ניט שפּילן,
גיט אים די מאַמע אַ זעמל.

אָפּגעשפּילט אויפן קעמל,
נעמט ער זיך צום טעצל,
אַז ער זאָל ניט שפּילן,
גיט אים די מאַמע אַ פּלעצל.

זעמעלעך און פּלעצלעך
זיינען זייער גוט.
דודל דער שטיפער,
ווייסט שוין וואָס ער טוט.

ק ע צ ל

קעצל האָט זיך
אויסגעשלאָפן —
קלאָרע אויגן,
פריש און אָפן.
אין חלומות
אויסגעבאָדן;
פון אַ זיסן פלאָדן,
ציגן־מילך,
האָזן־ניסלעך,
צוקער־עפל און
איריסלעך,
ווי מ׳גרייט אָן
ביי אַ מלך;
איז דאָס קעצל
זייער פריילעך
פון זיין דרימל אויפגעשטאַנען;
זשמורעט זיך,
וויל זיך דערמאָנען
פון די טייערע מאכלים,
אינעם גרויסאַרטיקן חלום.

אַ חלום וועגן אַ קרעמל

ס׳מעשהלע פון היינטיקן זמר
איז פון אַ יאָסקעלע, אַ יינגל,
וואָס חלומט: אויסוואַקסן אַ קרעמער,
אַז די גאַס זאָל פון אים זינגען,
און אַ קראָם זאָל ער פאַרמאָגן
שפּילצייגן מכל המינים:
פון אַ פערדל מיט אַ וואָגן
ביז אַ בינשטאָקל פאַר בינען,
און אַלצדינג — בחצי חינם.
און דער עיקר: ליאַלקעס, ליאַלקעס
און מיט שיינע יידישע נעמען:
חיה־רחל׳ס, שרה־מלכה׳ס,
פייגע־לאה׳ס, גיטע־טעמע׳ס.
בלאָנדע, שוואַרצע און שאַטינע,
פעטינקע און שלאַנקע, דינע,
בלויע אויגן, שוואַרצע אויגן
ברוינע און אפילו גרינע.
קומט אַריין אַ גוטער קונה
איז פאַראַן אויף אויסצוקלויבן:
מיט אַ טשופּיקל אַ ברוינעם,
אויגן בלויע, מילדע טויבן,
ליאַלקעס מומעס,
ליאַלקעס פעטערס,
ליאַלקעס זיידעס,
ליאַלקעס באָבעס,
ליאַלקעס — שטיפמאַמעס אַפילו,
אַלץ קומט דאָך צונויף צום שפּילן.

וואָס זאָל איך דיר ברענגען טאָכטער?

אַלע זיבן ליאַלקעס שלאָפן
נאָר מיין מיידעלע איז וואַך.
ס'איז בייטאָג און דורכן פענצטער
זעט מען טויבן אויף אַ דאַך.

— וואָס זאָל איך דיר ברענגען, טאָכטער,
ווען איך קום פון מאַרק צוריק?
— צוויי פונט גאָלד און זיבן — זילבער,
און אַ קריגעלע מיט גליק.

און אַ העמדעלע דער ליאַלקע
מיטן לאַנגן, בלאָנדן צאָפּ.
און אַ היטעלע דער ליאַלקע
מיטן שפּיצעכדיקן קאָפּ.

און דעם יינגעלע, דעם ליאַלעק
מיט דער פּיצלדיקער נאָז,
ברענג אַ לעקעכל פון קופּער
און אַ בייגעלע פון גלאָז.

— און די אַנדערע, מיין טייערס?
— ברענג וואָס דו פאַרשטייסט אַליין.
נאָר גיט שפּעטיק זיך — די זאַכן
קאָנען ווערן ענג און קליין.

און דאָס גליק קאָן ווערן זויער
און דאָס זילבער און דאָס גאָלד
קאָן נאָך ווערן... טאַטע, טאַטע
האָסט אַזויפיל געלט באַצאָלט.

אייניקלעך

צוועלף קינדער אין אַ ראָד
און דער זיידע אַזאַ גרויסער,
מיט אַ לאַנגער באָרד אַ ווייסער,
שטייט אין מיטן ראָד.

און די צוועלף אייניקלעך
דרייען זיך אַרום דעם זיידן,
לאַכנדיק, זינגענדיק,
מיט די צינגלעך קלינגענדיק.

פרייט עס אַזוי שטאַרק
דעם זיידן,
צוועלף שיינע אייניקלעך
זיינען אַ גן־עדן.

אַ גרוס

פיקט אַ פייגעלע אין פענצטער
צו דעם דיכטער: דיכטער עפן!
כ׳האָב צען גרוסן — ווייסט פון וועמען?
טרעף פון וועמען? וועסט ניט טרעפן.

פונעם וועוועריקל דעם זשוואַון,
פונעם קעלבעלע דעם ברוינעם,
פונעם לאָשיקל דעם ווייסן
און פון נאָך דריי דאָרפס־פּאַרשוינען.

נאָר דעם בעסטן גרוס דעם שענצטן
האָב איך פון דעם יינגל נחום,
וואָס איז היינט ערשט אַלט געוואָרן
פונקט אַ יאָר מיט זיבן וואָכן.

אונדזער בויבעריק

אַזאַ וואונדערלעכער כשוף
רוט אויף אונדזער בויבעריק;
אַזאַ שיינער שטילער יישוב
יום־טובדיק און צויבערדיק.

אַ קליינע יידישע מדינה,
אַזאַ לאַנד פאַר קינדערלעך,
צווישן בערג און טאָלן גרינע
וואונדער, וואונדער, וואונדערלעך.

און פון לייוונט ווייס און קלאָר
קלייניקע געצעלטעלעך;
עס איז חלום, עס איז וואָר,
און אַ וועלט מיט וועלטעלעך!
זומער־לעב און זומער־ליב
יום־טובדיק און צויבערדיק.
פליט אַ ווייסע קלאָרע טויב
איבער אונדזער בויבעריק.



צו מיין געבורטסטאָג

צו מיין געבורטסטאָג
האָבּ איך באַקומען
מתנות אַ סך
פון פעטער און מומען,
פון זיידן און באָבען,
פון לערער און פריינד.
און די זון דורכן פענצטער
האָט אַריינגעשיינט.
זי איז אויך געקומען
צו מיין יום־טוב צוגיין;
געבראַכט אַ מתנה —
אַ טאָג העל און שיין.

יתומים

קלייב אויף אונדזערע יתומים
און ברענג זיי צו אַהיים.
דיין שטאָט האָט אַזויפיל היימען
ווי בלעטער אויף אַ בוים.

צום טיש רוק צו אַ בענקל
וואו ס׳שטייען בענקלעך דריי.
שטיל־איין דאָס שטומע בענקען,
דערלייז עס און באַפריי.

אַלע יידישע קינדער — אייגן,
קיין פרעמדס איז גאָר נישטאָ,
קוק אַריין אין זייערע אויגן —
ס׳איז דאָס גאַנצע פאָלק דאָרט דאָ.

דיין ברודער און דיין שוועסטער,
דיין זיידע און — דיין פריינד.
דורך די קליינע אויגן־פענצטער
קוקט אַרויס אַ פאָלק פאַרוויינט.

אַ רעגן

אַ רעגן, אַ רעגן,
אַ רעגן אַ לאַנגער,
פון הימל ביז דר׳ערד,
אַזאַ הויכער און לאַנגער.

וואַשט אַלע שטיבער,
וואַשט אַלע היימען,
וואַשט אַלע פעלדער
און טשערעדעס בהמות.

טעלעגראַף־סלופּעס
און טעלעגראַף־דראָטן
שפּילן אַ ניגון
מיט וואַסערלעך־נאָטן.

וואַשן אויף שוועלן
בלומען און טעפּלעך,
יינגעלעך, מיידעלעך —
נאַקעטע קעפּלעך.

אַלץ וועט צעוואַקסן זיך
העכער און שענער,
גרעסערע הינער,
און העכערע הענער.

נאָך אַ פּאָר וואָכן
אינגאַנצן צו פורים,
ווערען פון יינגעלעך
גרויסע בחורים.

אַ רעגן, אַ רעגן,
אַ רעגן אַ לאַנגער
איז זיך אַריבער
די וועגן צעגאַנגען.



ר ע ג ן

קלאַפּט דאָס רעגנדל
צו מיר אין שויב,
אַזוי ווי דאָס שנעבעלע
פון אַ טויב.

יינגעלע, יינגעלע
קום אַרויס,
וועסטו אויסוואַקסן
הויך און גרויס.

אַ פּישעלע

האָט געכאַפּט מיין ייִנגעלע
אַ פּישעלע אין טייכעלע, —
ברוינע, שיינע אויגעלעך
און אַ ווייס־שיין בייכעלע.

אין אַן ערדערן שיסעלע
שווימט עס אום און דרייט זיך,
שטייט דערביי מיין ייִנגעלע
אַ גאַנצן טאָג און פרייט זיך.

שולע איז דאָך צוגעמאַכט,
ביכעלעך — באַהאַלטן,
האָט ער נאָר אַ פּישעלע
און אַ זיידן אַן אַלטן.

זעצט זיך אויך דער זיידע צו,
לעבן ייִנגעלע — קוקן,
ווי עס שווימט דאָס פּישעלע
ווי עס טוט זיך טוקן.

טייכן

טײַכן גײען
קרום און גלײַך.
קומט אַ טײַך אָן
צו אַ טײַך.

— שלום עליכם,
ברודער, טײַך.
נו, וואָס מאַכט מען
עס בײַ אײַך?

— אָט ס׳איז דאָ
אַ סך צו טאָן:
באָדן קינדער
אין דער זון.

ס׳ברענט — אַן אימה,
ס׳פּלאַמט — אַ שרעק;
לאַנגע, גרויסע
הייסע טעג.

באָד איך קינדער,
וואַש זײ אויס,
צוואָג זײ אויס
און קיל זײ אויס.

און זײ טאַנצן
אויף מײַן שויס:
אָט — אַרײַן
און אָט — אַרויס;

אָט אַרונטער
אונטער מיר,
אָט אַראָפּ־אַרויף
אויף מיר.

און זיי שווימען
גרינג אַזוי.
ווי אַ שטעקעלע,
אַ שטרוי.

און וואָס הערט זיך
עס ביי אייך?
— אָט אַזוי,
מ'איז אַ טייך —.

ערגעץ אין
אַ העק, אַליין,
קומט נישט קיינער
אָן צו גיין.

נאָר די זון,
די זון אַליין
באָדט זיך אין
מיין וואַסער ריין:

און אַמאָל
שטעלט זיך אַוועק
אַ קליין פייגעלע
ביים ברעג

און בייגט איין
דעם קליינעם קאָפּ,
טוט אַ פּיק
אַ קילן טראָפּ.

נאָך אַ טראָפּן,
נאָך אַ טראָפּ
און — ארויף
און טראָגט זיך אָפּ.

מילא, וואָס זשע
קאָן מען טאָן —
באָדט זיך נאָר
אין מיר די זון.

נו, זאָל זי, זאָל
אויסבאָדן זיך ריין,
און אַ שטילינקע
פֿאַרגיין.

אַ קעלבעלע אין האַרבסט

שטייט אַ קעלבעלע אין פעלד,
און דאָס גראָז איז שוין פֿאַרגעלט,
און די הימלען אומעטיק גרוי,
שטייט זיך ס'בהמהלע אַזוי.

טוט אַ פלאַטער דאָרטן און דאָ,
קומט צו פליען פון וואַלד אַ קראָ,
הויבט זיך אויף און פליט אַוועק
פון איר אייגענעם שוואַרצן פלעק.

דאַכט זיך, אַז אַ שנייעלע פליט,
שנייעלע, יאָ און שנייעלע ניט,
אפשר נאָר זיך אויסגעדאַכט,
זע, עס ווערט שוין באַלד פאַרנאַכט.

רירט דאָס קעלבעלע זיך פון אָרט,
זע נאָר דאָרטן — פויגלען נאָך
פויגלען פליען אין אַ ריי,
און די בענקשאַפט פליט נאָך זיי.

און פאַמעלעכקע קוים־קוים,
גייט דאָס בהמהלע אַהיים
צו דעם שטעלעכל עסן היי.
— גיי זיך בהמהלע, גיי זיך גיי.

בלייבן איבער הימל, ערד,
אַ פאַרנאַכט, פאַרטראַכט, פאַרקלערט,
אַלע דריי — וואָס קלערן זיי?
מן הסתם פון ערשטן שניי.

א קעלבעלע

אַ פויער פירט אַ קעלבעלע
און טרייבט עס אונטער און נוקעט;
פונוויטן שטייט די מאַמע־קו
און רופט, און וויינט און מוקעט;

וואו נעמסטו צו מיין קעלבעלע,
מיין קינדעלע, מיין לעבן?
כ'האָב נעכטן ערשט דעם ערשטן קוש
אים אויף זיין קאָפּ געגעבן.

כ'האָט נעכטן ערשט דערזען אויף אים
די געלע און ווייסע פלעקן,
און נישט געהערט נאָך פון זיין מויל
די ערשטע ווערטער מעקען.

אָ, גיב מיר אָפּ מיין קעלבעלע
דו פויער־יונג, דו שלעכטער!
נאָר וואָס פאַרשטייט אַ פויער־יונג
אַ בהמה־מאַמעס ווערטער.

נאָר ס'קעלבעלע, דאָס דינינקע
הערט יאָ דער מאַמעס קלאָגן,
און שטעלט זיך אַלע ווײלע אָפּ
און וויל... און קאָן גאָרנישט זאָגן.

דער פויער־יונג טוט עס אַ שטויס:
ווילד! נו, געגאַנגען!
עס גייט דאָס קעלבעלע — און ווייט
איז דער מאַמעס קול פאַרגאַנגען.

אַ ניי, ווייס קעלבעלע

די קו האָט געהאַט אַ קעלבעלע,
אַ ווייס, אויפן גרינעם פעלד;
האָט עס דער פויער אַרומגעוואַשן
און אויף די פיסלעך אויפגעשטעלט.

האָט עס געגעבן אַ דריי מיט׳ן ווײדעלע,
און אַן ערשטן מע אַרויסגעלאָזט.
דאָס קלאָרע קעלבעלע האָט דערזען
אַזאַ וועלט, באַגרינט און באַגראָזט.

געשטאַנען צוגעטוליעט צו דער קו,
און די קו האָט עס געלעקט, געשמעקט.
אַ שניי־ווייס קעלבעלע, אַ צוויי־דריי טעג
ווי ס׳האָט אויף דער וועלט זיך אויפגעוועקט.

עס טוט אַ שפּרונג פון בערגל אַראָפּ,
און צופּט שוין אַ גרעזל און צוויי.
פאַררייסט מיט אַ מעקען אַרויף דעם קאָפּ
און מיטן עק אַ דריי און אַ דריי.

עס שטעלט זיך אַוועק נאָענט צום פּלויט
און קוקט אין דער הויך, אין דער הויך.
אַזאַ מין ווייס קעלבעלע, ווי ס׳וואָלט ערשט אַרויס
פון אַ ווייסן, זילבערנעם טייך.



אַ פֿויגל

זינגט אַ פֿויגל
אויף אַ בוים:
כ'האָב אַ נעסט,
אַ וואוילע היים.

ס'האָט מיין מאַמע
טאָג און נאַכט
פֿאַר איר פֿייגעלע
די נעסט געמאַכט.

נאָר איך בין יונג
און שוואַך און קליין,
קאָן אפילו
נאָך נישט גיין.

קוים וואָס אַ פליגל
טו איך אַ הייב,
דינער פוך
איז נאָך אויף מיין לייב.

איז מיר קיל,
נאָך אַזוי קיל,
ליג איך רואיק
ליג איך שטיל.

און די מאַמע
פליט אַרום,
זוכן קערנער
אומעטום.

ברענגט אַ קערנדל
פון פעלד,
ברענגט אַ ברעקל
פון דער וועלט.

עס איך וואָס
זי ברענגט אַריין,
וואַקס איך און
בין גרעסער שוין.

טונקעלער ווערט
דער פוך אויף מיר
און איך גיב זיך
שוין אַ ריר.

קוק איך דורך
אַ שפּאַלט אַרויס,
זע איך ווי די
וועלט איז גרויס.

זע איךביימער,
זע אַ טייך
און אַ הימל
אין דער הייך.

און ביים פּלויט
דאָרט שטייט אַ פערד,
בייגט דעם קאָפּ
צום גראָז פון דר'ערד.

זע איך, זע איך,
אוי ווי שיין,
כ'קאָן די גאַנצע
וועלט שוין זען.

אַ לאָשיקל

קאָטשערע, לאָפּעטע,
קאָפּיטע, פערד,
לויפט אום אַ לאָשיקל
איבער דער ערד.

וואָס איז די שמחה?
און וואָס איז די פרייד?
דאָס פויערל האָט היינט
די פעלדער פאַרזייט.

פעלדער מיט האָבער
און פעלדער מיט היי,
אַ ברכה, הצלחה,
אַ גרויסער פאַרזיי.

וועט זיך דאָס האָבערל
טאָן אַ צעבלי
איבער די קנעכל,
איבער די קני.

כאַפּ איך אַ טענצל,
כאַפּ איך אַ שפּרונג,
איך בין אַ לאָשיקל,
אַ קאָזאַק, אַ יונג.

האָבערל, האָבערל,
טו נאָר אַ וואַקס,
פאַר מיר און פאַר פערדל
און בהמה און אָקס.



זומער-ליד

די קינדער האָבן ליב דעם רעגן,
דער רעגן האָט דיביימער ליב,
די קינדער און די גראָזן וואַקסן
אין פעלד, אין גאָרטן און אַרום דער שטוב.

אַ רייפער עפּל און אַ רויטער
הענגט פונ'ם גרינעם בוים אַראָפּ,
דאָס יינגל קוקט מיט הייסע אויגן
און ס'שאָקלט זיך אים אַוש דער קאָפּ.

אוי יינגל, יינגל, לאַכט דער עפּל,
איך ווייס דו האָסט מיך זייער ליב,
איך זע דאָס פלעמל אין דיינע אויגן
און דאָס זיסע וואַסער אויף דיין ליפּ.

טאָ האָב געדולד אַ ביסל, יינגל,
און האַלט זיך בחוריש און שטאַרק,
דו וועסט מיך טרעפן איבערמאָרגן
אַ לעבעדיקן אויפן מאַרק.

אויף דער אַלמנה'ס שטעלעכל דאָרטן,
מיט אַנדערע עפּל גרין און רויט,
וועסטו מיך אויסקלייבן און קויפן
און עסן מיט אַ שטיקל ברויט.

כ'וועל זיס דיר מאַכן יעדן ביסן
און דו וועסט זיך מחיה זיין,
נאָר איצט מיין טייער, ליכטיק יינגל,
גיי זיך דערווייל אין שטוב אַריין.

אַ ברעקל פייגעלע

ביז עס וואַקסן אָן די בלעטעלעך
אויפן דינעם, דינעם צווייגעלע,
וואַקסן אָן די פעדערלעך
אויפן קליינעם, קליינעם פייגעלע.
ביז עס נעמט דאָס צווייגעלע
אויף אָן אמת בליען,
וועט שוין אויך דאָס פייגעלע
אָנהויבן צו פליען.

ז ו מ ע ר

גאָלדן זומערלעבן,
טעג מיט זון און בלוי.
יעדער אָוונט — קילקייט,
יעדער מאָרגן — טוי.

נייע פייגל קליינע
פישטשען ווייך און דיק,
פון די נעסטן היימען:
— מאַמע לאָז אונדז פלי'ן,

לאָז אונדז כאָטש אַריבער
צו דעם צווייטן בוים,
אַזאַ שיינע נעסט דאָרט
אונדזער שכנס היים.

— פויגל, קליינער פויגל,
שטיל זיך אין דיין נעסט,
וועסט נאָך האָבן צייט
אַרומפליען צו געסט.

דין און ווייניק זיינען
דיינע פעדערלעך נאָך,
וואַרט נאָך צו אַ ווײלע,
כאָטש אַ וואָכעלע נאָך.

אונטער די שנייען

אונטער די שנייען
און אונטער דער קעלט
שלאָפט זיך דער פרילינג —
פאַרדעקט און פאַרשטעלט.

אַזוי ווי אַ חיה, —
אַ בער אינעם וואַלד,
אַזוי ווי אַ זיידע
שוין טויזנט יאָר אַלט.

טוט נאָר דער הימל
אַ בלוי מיט אַפּריל,
טוט נאָר אַ ווינטל
מיט דער לופט זיך אַ שפּיל,

און טוט נאָר אַ טאַפּ
אַ בוים מיט זיין האַנט,
נעמט דורך אַ ציטער
אַ זיסער דאָס לאַנד.

טוט זיך די גרויקייט
אין הימל אַ שפּאַלט,
די זון טוט אַ פינקל:
אָט קום איך שוין באַלד!

אַ זומער-ליד

הימל איבער הימל
און בערג איבער בערג,
און גאָלדענע טעג
איבער גאָלדענע טעג.

אַ טאָג מיט אַ ליד,
אַ טאָג אָן אַ ליד,
און וואָכן וואָס טאַנצן
און טעג וואָס גייען מיד.

עס זינגען די פייגל
פאַרזינגען די וועלט,
עס וואַקסן דיביימער
פאַרוואַקסן אַ וועלט.

הימל אויף הימל
און בערג איבער בערג,
און גאָלדענע טעג
איבער גאַלדענע בערג.

די בין

האָט אַ גאָלדענע בין פאַרשטעקט זיך
הינטער די ביימלעך, אין אונדזער הויף.
אין דער פרי, ווי ס'ווערט נאָר זוניק,
כאַפּט זי זיך אויף אַ צווייג אַרויף.

כ'הער נאָך אויף מיין בעט איר זשומען,
פון איר זשומען — זשו־זשו־זשו
צעוויגט זיך ווי אין בלויע רינגען
אַרום מיר די מאָרגן־רו.

קלייבט אָן זיסקייט אויף די צווייגן,
האָניק מאַכט זי פון דערפון.
אין דעם זיסן האָניק וועבט זי
אויך אַריין דאָס גאָלד פון זון.

און זי זשומעט, זשומעט, זשומעט,
און איך זשום איר נאָך שטיל־שטיל.
אויף דער סטעליע שפּילט דאָס פענצטער
און דער פאָרהאַנג אויפן דיל.

זון און שאָטן פון פרימאָרגן,
פריש און זיס די לופט, די וועלט.
כ'מאַך די אויגן צו און חלום:
טייך און טאָל און באַרג און פעלד.

פייגל פליען איבער ביימער,
זשאַבעס קוואַקען ביי דעם ברעג.
אין אַ ראָד, אַזוי ווי קינדער,
טאַנצן העל די זומער־טעג.

אַ בוימעלע

האָט אַ פֿויערל פֿאַרזעצט
ביי זיין שטוב אַ בוימעלע,
רופֿן עס די קינדערלעך:
בוימעלע, יתומהלע.

ווייסט נישט וואו זיין טאַטע איז,
וואו זיין מאַמע — אויכעט ניט.
שטייט עס אַזוי שטיל און שווייגט,
גרינט עס אַזוי שטיל און בליט.

שעפּטשעט נאָר צום ווינטעלע:
נישעפּע מיך ניט, ווינטעלע,
בייג נישט מיינע צווייגעלעך,
שריי נישט ווי אַ הינטעלע.

גרעזעלע

דאָס פֿאַרשמאַכטע גרעזעלע
שטעקט אַרויס זיין נעזעלע:
רעגנדל, רעגנדל, גיב מיר אַ טראָפּעלע,
גיב מיר אַ טרונקעלע, וואַסער אַ קאַפּעלע.

רעגן

טרינקט דער רעגן אָן די פעלדער
זיינען זיך די זאַנגעלעך מחיה.
און די בלעטער אויף די ביימער
גלאַנצן פרישער, אָטעמען פרייער.

נאָכן רעגן

וועט דער רעגן איבערגיין,
וועט די זון אַרויס אין הימל.
וועלן גאָלדענע טראָפּנס שיינען
איבער יעדער בלאַט און בלימל.

רעגנבויגן

זע נאָר, זע אינמיטן רעגן
האָט זיך פֿאַרביק אויסגעצויגן
פון איין הימל־ברעג צום צווייטן
אַ פינקלענדיקער רעגנבויגן.

רעגנבויגן שיינער,
רעגנבויגן בונטער,
לייכט נאָך אויפן הימל,
גיי נאָך נישט אַרונטער.



מע, מע, מע!

גייען ציגן צוויי שפּאַצירן,
שטעלן אָפּ זיך ביי די טירן
און זיי גריסן אַלעמען: מע,
מע, מע, מע, מע, מע, מע, מע.

וואָסזשע מיינט עס? ס'מיינט מסתם,
אַז די וועלט איז מלא טעם;
וואָס דו הערסט און וואָס דו זעסט,
אַ מחיה: מע, מע, מע.

ביימער שטייען ברייט צעגרינט,
אויסגעמאָלט ווי אויף אַ בילד,
און אין יעדן בוים אַ נעסט,
נע, נע, נע און מע, מע, מע.

ווער זיינען די ציגן די צוויי?
אדרבא פרעג ביי זיי,
זיי פאַרשטייען וואָס דו פרעגסט,
און זיי ענטפערן: מע, מע, מע.

און ס'קאָן מיינען וואָס דו ווילסט,
וואָס דו טראַכסט און וואָס דו פילסט,
וואָס דו הערסט און וואָס דו זעסט,
ווייל די גאַנצע ציגן־שפּראַך
ליגט נאָר אין דעם: מע, מע, מע.

פראָסטער דרויסן

אויף די גרויסע הויכע בערג
און אין די ברייטע טאָלן,
שטייען שטיבלעך רויט און בלוי
און ווייס און געל געמאָלן.

אַלץ אַרום איז גרין און גרין,
נאָר די שטיבלעך דאָרטן
אין דער גרויסער וועלט פון גרין —
בלומען אין אַ גאָרטן.

וואַלד אויף באַרג און וואַלד אין טאָל,
פעלדער קרום, שיפּוע,
אויף אַ הויכן פעלד אַרויף
ליגן קי און רוען.

ווייסע קי און ברוינע קי,
קעלבעלעך געפלעקטע,
און ביים זייט דאָרט קלעצער האָלץ,
פרישע, ערשט צעזעגטע.

און פון ווייטנס דאָרטן — זעסט?
גלאַנצט עפּעס און שמייכלט — —
הינטערן קליינעם וועלדל ווינקט
און זינגט אַהער אַ טייכל.

שיינע וועלט פון וואַלד און פעלד,
זומערוועלט, די גרויסע.
איז נאָך עפּעס שענערס דאָ
ווי אַ פּראָסט שטיק דרויסן?

וואונדער

אויף די שטיבער
וואַקסן דעכער,
אויף די דעכער
וואַקסן קוימענס
ווי די בעכער.
גייט אין זיי אַ רעגן,
גייט אין זיי אַ שניי
און זיי ווערן נישט פול,
און זיי ווערן נישט פול.

אויף די דעכער,
וואַקסט אַ הימל,
אויפן הימל
וואַקסט אַ זון,
וואַקסן שטערן
שטערן — בערן
קומען וואָלקנס זיי פאַרשטעלן,
קומט אַ ווינט און נעמט זיי שנעלן
אין די נעזער אין די קעפ,
און ער גיט זיי
שוין די אמתע קלעפּ.
קומט די זון אַרויס בייטאָג,
לויפן שטערן אַרויס ביינאַכט,
און דער טאָג איז שיין
און די נאַכט לאַכט,
און מיר לאַכן מיט
און דאָס דאָזיקע ליד
לאַכט אויך אַ ביסעלע
און טאַנצט אויף אַ פיסעלע
האָפּ, האָפּ.

גרוי

גרויע ביימער
איבערן וועג.
גרויע הימלען,
גרויע טעג.

גרויע פייגל
איבערן דראָט,
אַזאַ גרויע
וועלט אין שטאָט.

איידער ס׳קומט
דער ווינטער אָן,
טוט די וועלט
אין גרוי זיך אָן.

קורץ האָט דאָ
אַ בלענד געטאָן
דעם סעפּטעמבערס
שיינע פּאָן. —

רויט און בלוי,
און טיפער גרין,
גאָלד און זילבער
און בורשטין.

האָט אַ שפּיל געטאָן
און — אויס,
איצטער לאָזט
דער האַרבסט אַרויס

זיינע טעג,
די גרויע שאָף
מידע, מידע,
ווי פון שלאָף.

דאַס צוקערל

דאָס צוקערל איז זיס
און דער לעקעך איז אַ גוטער,
נאָר בעסער פון אַלץ איז —
אַ שטיקל ברויט מיט פוטער.

דער שוסטער

מאַכט דער שוסטער שיכעלעך
פאַר יאָסעלעך און מיכעלעך,
פאַר שרהלעך און גיטעלעך —
אַ געזונט זיי אין די טריטעלעך.
פאַר יאַנקעלעך און ניסעלעך,
אַ געזונט זיי אין די פיסעלעך.

קאַץ און מויז

קאַץ און מויז,
קאַץ און מויז.
איך אַריין
און דו אַרויס.

איך — אַרויס
און — דו אַריין.
דריי זיך רעדל
שיין און פיין.

קעצל

אונדזער קעצל,
שוואַרץ און ווייס.
שרעקן זיך
פאַר אים די מייז.

ווי זיי זעען
נאָר איר עק,
היידאַ לויפן
זיי אַוועק.

אַזאַ ייִנגל

אַזאַ ייִנגל ווי דו,
אַזאַ יונגל ווי דו
זאָל שטענדיק מרוקען
אַזוי ווי אַ קו:
מו־מו־מו.
מו־מו־מו.
אַזאַ ייִנגל ווי דו.

אַזאַ ייִנגל ווי דו,
אַזאַ יונגל ווי דו
מאַכט אַן אַזאַ טומל
און לאָזט נישט צו־רו:
רו־רו־רו.
רו־רו־רו.
אַזאַ ייִנגל ווי דו.

אַזאַ ייִנגל ווי דו,
אַזאַ יונגל ווי דו
זאָל אומגיין אין גאַס
און נישט וויסן אוואו:
וואו־וואו־וואו?
וואו־וואו־וואו?
אַזאַ ייִנגל ווי דו.

אַזאַ ייִנגל ווי דו,
אַזאַ ייִנגל ווי דו,
אַז נאָר ער מרוקעט
אַזוי ווי אַ קו;
און נאָר ער טומלט
און לאָזט ניט צורו;
און גייט איבער גאַסן
און ווייסט נישט אוואו —

קאָן נאָך פאַרבלאָנדזען
אַמאָל אין דער „זו"
נו, נו, נו.
נו, נו, נו.
אַזאַ יינגל ווי דו!!!

נחומל

מיין נחומל — אַ יינגעלע
אַ וואוילינקער ביז גאָר,
קלינגט ער מיטן צינגעלע
ווערטער שוין אַ פּאָר —

מאַמעלע און מעמע — לע,
און מי — מי — מי — מי —.
נעמט ער זיך דאָס קעמעלע
און קעמט זיין קליינע קני.

נעמט ער זיך דאָס שיכעלע
און לייגט עס אויפן קאָפּ,
נעמט ער זיך דאָס ביכעלע
און וואַרפט עס גלייך אַראָפּ.

נחומל מיין יינגעלע,
מיין גאַנצער באַלעבאָס,
מיר פאַר דיין קליין צינגעלע
און פאַר דיין שיינער נאָז.

נאַ דיר אַ קליין בייגעלע,
אַ בלייפעדערל אַ שיינס,
און מאָל מיר אויס אַ פייגעלע,
אַ פייגעלע אַ קליינס.



דאַס יינגעלע משה

װער איז עס אַלט־געװאָרן
גאַנצע פינעף יאָר?
דאָס יינגעלע משה
מיט די בלאָנדע האָר.

װער זינגט אַזוי שיין,
און װער רעדט אַזוי קלאָר?
דאָס יינגעלע משה
מיט די פינעף יאָר.

װער לערנט זיך גוט?
ענטפערט אַלע אין כאָר:
דאָס יינגעלע משה
מיט די פינעף יאָר.

געזונט זאָל ער זיין
ביז גאָר, גאָר, גאָר,
אונדזער חברל משה
מיט די פינעף יאָר.

גוטע קינדער

פון דער ווייסער מילך
ווערן די בעקלעך רויט,
און ליכטיקער די אייגעלעך
פונעם שוואַרצן ברויט.

גוטע קינדער עסן,
וואָס די מאַמע גיט.
עסן — אָן אַ מעשה,
טרינקען — אָן אַ ליד.

נאָרביים שלאָפנלייגן
זינגט די מאַמע זיי,
ווינטערצייט — פון קאָרן,
זומערצייט — פון שניי.

און עס נעמט קיין סך נישט,
אפשר דריי מינוט,
און זיי שלאָפן רואיק,
און זיי שלאָפן גוט.

מיט דער מאַמעס מורמל
אויף דער זיסער ליפּ
ווי דער בעסטער מאכל,
וואָס זיי האָבן ליב.

אַ ציגעלע און אַ פערדעלע

משה האָט אַ פערדעלע,
צאלי האָט אַ ציג,
האָט די ציג אַ בערדעלע,
שאָקלט זיך איר בערדעלע
אַהער און אַהין און צוריק.

שטייט די ציג לעבן פערדעלע
שאָקלט מיטן קאָפּ,
שאָקלט זיך איר בערדעלע
קוקט דאָס גוטע פערדעלע
צום ציגעלע אַראָפּ:
אָט אַזאַ, מיין חברל,
אַ ציגעלע, איך האָב.

אַלע — —

אַלע גראָזן
זיינען גרין,

אַלע פייגל
קאָנען פליען,

אַלע שטערן
שיינען הויך,

אַלע מענטשן
זיינען גלייך.



זונטיק
מאנטיק
דינסטיק
מיטוואָך
דאנערשטיק
פרייטיק
שבת

וואוהין גייען זיי

— וואו גרייט איר זיך, פעטער זונטיק
— איך דאַרף צום פעטער מאָנטיק.
— וואו גייט איר, פעטער מאָנטיק?
— כ'גיי צום פעטער דינסטיק.
— וואו פאָרט איר, פעטער דינסטיק?
— כ'פאָר צום פעטער מיטוואָך.
— וואו לויפט איר, פעטער מיטוואָך?
— כ'לויף צום פעטער דאָנערשטיק.
— וואו איילט איר, פעטער דאָנערשטיק?
— כ'איל צום פעטער פרייטיק.
— וואו יאָגט איר, פעטערל פרייטיק?
— איך האָב, איך האָב קיין צייט ניט,
כ'יאָג אַהיים אויף שבת.

אויף די גרינע בענקעלעך

אויף די גרינע בענקעלעך,
ביי די בלויע טישעלעך
זיצען מיינע יענקעלעך,
זיצן מיינע חנהלעך,
מיט די שיינע הענטעלעך,
מיט די קליינע פיסעלעך.

מיט די אויערלעך הערן זיי
אַלצדינג, וואָס איך לערן זיי.

מיט די שערעלעך שערן זיי
אַלצדינג, וואָס איך לערן זיי.

גוטע און וואוילע ווערן זיי,
איך לערן און איך לערן זיי.

אויף הונדערט שפּראַכן

אפשר אויף הונדערט שפּראַכן
קאָן מיין מיידעלע לאַכן.
אויף יידיש, העברעיש,
אויף ענגליש, פראַנצויזיש,
אויף רוסיש, אויף טערקיש,
אַראַביש און פּערסיש,
אויף, אויף, אויף...

— ווי לאַכט מען אויף יידיש?
— כאַ — כאַ — כאַ — כאַ.
— ווי לאַכט מען אויף העברעיש?
— כאַ — כאַ — כאַ — כאַ.
— ווי לאַכט מען אויף ענגליש?
— כאַ — כאַ — כאַ — כאַ.

— ווי לאַכט מען אויף טערקיש ?
— כאַ — כאַ — כאַ — כאַ.
— ווי לאַכט מען אויף, אויף, אויף ?
— כאַ — כאַ — כאַ — כאַ.
— כאַ — כאַ — כאַ — כאַ.

וויג-ליד

שלאָף, מיין יינגעלע,
שלאָף איין.
דו ביסט מיינער,
מיינער, מיין.

צוגעשלאָסן
טויער, טיר.
טייער יינגעלע
מיט מיר.

קיינער קומט נישט
מער אַהער,
און מיין האַרץ
איז מיר ניט שווער.

ס'איז מיר אַזוי
גוט און וואויל —
זיסע קושן
אויף דיין מויל.

זיסע קושן
אויף דיין קאָפּ,
קיינער קושט זיי
ניט אַראָפּ.

און זיי בלייבן
הייליק דאָרט,
און זיי בלייבן
אייביק דאָרט.

גוט און וואויל,
וואויל און מילד
האָב איך זיך
מיט דיר געשפּילט,

ביז דו ביסט
געוואָרן מיד.
נו, גענוג שוין,
מערער ניט.

טוליען זיך
דיינע אויגן צו:
מאַמע, מאַמע,
גיב מיר רו!

וויג איך דיך,
מיין יינגעלע, צו —
און איך גיב דיר
שלאָף און רו.

א י י ב ע ל ע

אייבעלע האָט שוין
אין מויל אַ ציינדל
אַ ליכטיקס, אַ ווייס,
אַ לאַכנדיק חנדל.

אייבעלע שטייט שוין
אַליין אַ ביסל
און האַלט זיך צו
ביי אַ בענקל־פיסל.

אייבעלע קאָן שוין
פּאַפּעלע זאָגן,
נאָר ער וויל מ׳זאָל אים
אויף די פּלייצעס טראָגן.

אַ זעקעלע מעל
אַ פּעסעלע וואַסער,
אייבעלע, בייבעלע,
זיי ניט קיין נאַשער.

מאַמע וועט מאַכן
לאַטקעס גוטע.
וואָס ווילסטו בעסער —
האָניק צי פּוטער?

האָניק און פּוטער
און צוקער אַ ביסל,
און וואַרעמע לאַטקעס
אַ פולע שיסל.

מאַמעלע קאַץ

זאָגט מאַמעלע קאַץ:
כ׳האָב קעצעלעך פיר.
אַלע פאַר מיר.
אַלע פאַר מיר.

ווען די קעצעלעך
אויסוואַקסן גרויס,
לאָז איך זיי אַלע
אויף דער וועלט אַרויס.

גייט וואו איר ווילט,
מיינע קעצעלעך פיר.
און קומט נישט צו שפּעט
צו דער מאַמעלעס טיר.

דאָס ייִנגעלע, דאָס פֿייגעלע און דאָס בייגעלע

שטייט דאָס ייִנגעלע
אַנטקעגן אַ פֿייגעלע,
וואַרפֿט אים ברעקעלעך
פֿון זײַן בייגעלע.

כאַפּט דאָס פֿייגעלע
גיך די ברעקעלעך,
רויזלען זיך, רויטלען זיך
ביים קינד די בעקעלעך.

האָבן ביידע פּאַוואָליע,
ייִנגעלע, פֿייגעלע,
אויפֿגעגעסן שוין
דאָס גאַנצע בייגעלע.

גייט דאָס ייִנגעלע
צו זיך אַהיימעלע,
פֿליט דאָס פֿייגעלע
אין נעסט צום ביימעלע.

און פֿון בייגעלע
דאָס קליינע לעכעלע,
פֿליט צום קוימען,
וואָס שטייט אויף אַ דעכעלע.

אַ הינטעלע

לויפט אַרום אַ הינטעלע,
שמעקט דאָס זאַמד, דאָס גראָז.
— וועמען זוכסטו, הינטעלע?
— כ׳זוך מיין באַלעבאָס.

— ער איז אין אַ קראָם אַריין
קויפן קעז פאַר דיר.
זעצט זיך צו דאָס הינטעלע
וואַרטן ביי דער טיר.

פינף אותיות

גייט דאָס אלפל
צום ביתעלע,
און דאָס ביתעלע
צום גימלע,
און דאָס גימלע
צום דלתל,
און דאָס דלתל
צום הא אין הויז.
זעצן זיך אַרום טישעלע אויס
און זיי טרינקען טיי.
אלף, בית,
גימל, דלת,
הא.
פינף אותיות זיינען זיי.

א זייגערל

דאָס זייגערל גייט און גייט און גייט
פון איינס ביז צוויי,
פון צוויי ביז דריי,
פון דריי ביז פיר,
פון פיר ביז פינף,
פון פינף ביז זעקס,
פון זעקס ביז זיבן,
פון זיבן ביז אַכט,
פון אַכט ביז ניין,
פון ניין ביז צען,
פון צען ביז עלף,
פון עלף ביז צוועלף,
פון צוועלף גייט עס ווידער
אַוועק צו איינס.
גייט עס אַזוי,
אין רעגן און שניי,
אין היץ און אין קעלט.
אַזאַ קליין זייגערל
און גייט און גייט,
און גייט אויס אַ וועלט.

יינגלעך — הענער

א קאָמפּאַניע יינגלעך
שפּילן זיך אין הויף.
איינער איז אַ האָן.
שפּרינגט ער גיך אַרויף
אויפן הויכן פּלויט
און צעשרייט זיך
און צעקרייט זיך
אויף אַ הילכעדיקן קול,
אַז דער שטערן ווערט אים רויט:
קו־קו־רע־קו!
קו־קו־רע־קו!

און די אַנדערע יינגלעך
אונטן ביי דעם פּלויט,
ליגן שטילערהייט.
דער — צעצויגן,
דער — צעבויגן,
דער — צענויפגעדרייט
ווי אַ שלענגל.
און אַן אַנדער יינגל
רעדט פון שלאָף,
און אַ צווייטער
עפנט זיינע אויגן אויף
און פאַרמאַכט זיי באַלד.

און דאָס יינגל אויפֿן פּלויט
שרייט אַלץ, קרייט אַלץ
מיט אַ הייזעריקן קול,
מיט אַ בייזעריקן קול.
ביז די יינגלעך לעבן פּלויט
האַלטן שוין ניט אויס.
אַלע מיט איין מאָל,
אַלע מיט איין מאָל
טוען זיך אַ כאַפּ,
טוען מיט די הענט אַ קלאַפּ
שפּרינגען פֿון דעם שלאָף אַרויס.
און אַזוי געשווינטערהייט,
זיצן זיי שוין אַלע אויפֿן פּלויט,
אינאיינעם מיטן יינגל־האָן
הייבן זיי צו קרייען אָן.
און זיי קרייען און זיי שרייען:
קו־קו־רע־קו!
קו־קו־רע־קו!

שפּילן זיי זיך

שפּילן זיי זיך
מײַנע קינדער,
שיוּקע מאַכט זיך
אַ צילינדער

פון אַ גרויסן
טאָוול־בויגן,
און זי זשמורעט
מיט די אויגן

און זי רופט זיך:
מיסטער מענדלער —
און זי זאָגט
זי איז אַ „לענדלער".

שטעלט זי זיך
אַוועק פאַר חנהן
און נעמט פאָדערן
און מאָנען:

דירה־געלט
פאַר ניין מאָנאַטן!
שיקט „אים" חנה
אָפּ צום טאַטן.

נעמט דער לענדלער
זיך צעכעסן,
אַזש ער וויל
די וועלט „צעראַסן".

נעמט ער מיט די
אויגן בליצן,
נעמט ער מיט די
ציינער קריצן,

אַזש דאָס חנהלע,
דאָס קליינע,
הויבט אָן אויף אַן
אמת וויינען.

און די גרויסע
שיווקע מיינע
שטייט און טענהט
נאָך איר טענה.

מיין חנהלע

מיין חנהלע
פֿאַרשטעלט זיך
פֿאַר אַ קליינטשיק
אָרעמאַנעלע,
מאַכט אַ פּושקעלע
פון אַלטע טאָוועלעך
און קלייבט ביי מיר
נדבהלעך.
נאָר מיין חנהלע
דאָס אָרעמאַנעלע
וויל ביי מיר אַרויסנאַרן
מיט אירע שיינע הענטעלעך
צופיל סענטעלעך.

יעדע רגע
קומט זי פון די וועגן,
פון די שטעט
און זי בעט:
אַ נדבהלע.
פרעג איך ביי איר:
ווער זענט איר אַלטינקער?
ענטפערט זי: אַליהו הנביאלע.
און אויב אַזוי
נאָט אייך דריי סענט,
ווייל איר האָט זיך מיר
אַזוי גיך דערקענט
און ניט געלאָזן וואַרטן,
ניט געלאָזן טראַכטן
און ברעכן דעם קאָפּ,
פון וואַנעט עס שלעפּט זיך
צו מיר אַראָפּ
אַזאַ פאַרשווינדל,
מיט אַן אויסגעפאַלן ציינדל
סאַמע אינמיטן מויל
און שמייכלט וואויל:
אַ נדבהלע
דעם פאַרשטעלטן
ליבן, אַלטן אליהו הנביאלע.

חנהלע

אַלץ איז חנהלעס אַ שפּילעכל
און מיט אַלצדינג שפּילט זי זיך:
מיט דער מאַמעס נייעם שירעם,
מיט דעם טאַטנס אַלטע שיך,

מיט די טעלער, מיט די לעפל,
מיט די גרויסע און קליינע טעפּ,
בינדט זיך אָן דעם לאַנגן האַנטוך,
ווי אַ כלה מיט אַ שלעפּ.

שפּילט זיך מיט דעם ברייטן בעזעם,
קערט די שטוב און לאָזט אים שטיין
סאַמע לעבן טאַטנס שרייב־טיש,
און זי יאָגט זיך ערגעץ גיין.

און מיט זיך אַליין אפילו
שפּילט זיך חנהלע אַמאָל,
און זי רופט זיך שלעכטע נעמען
פאַרן שרייען אויפן קול.

און זי לערנט זיך: אַ מיידל
דאַרף שוין וויסן וואָס זי טוט
און ניט וואַרפן זיך מיטן עסן;
וואָס אַ מאַמע גיט — איז גוט.

מאַמע, כ׳וועל שוין אַלצדינג עסן
און וועל זיצן שטיל ביים טיש,
און נישט דרייען מיטן צינגל
און נישט שאָקלען מיט די פיס.

בריוועלעך

שרייב איך בריוועלעך צו חנהן
און מיין חנה ענטפערט מיר:
טאַטע כ׳וואָלט דיר גערן געשריבן
זיבן בייגעלעך פּאַפּיר,

נאָר די מאַמע וויל כ׳זאָל עסן,
נעמט מיר צו די גאַנצע צייט,
און דער לערער וויל כ׳זאָל לערנען,
האָב איך ווידער נישט קיין צייט.

און מיין ליאַלקע וויל זיך שפּילן,
שווער צו קוקן ווי זי ליידט,
ניי איך איר אַ סאַמעט קליידל
און אַ קליידעלע פון זייד.

זעץ איך מיך שוין דיר צו שרייבן,
הער איך ווי מיין ליאַלקע שרייט:
כ׳קאָן אַזוי שוין מער נישט שלאָפן
לייג מיך אויף דער רעכטער זייט.

לייג איך זי און זעץ מיך שרייבן,
הער איך ווידער פונדערווייט:
חנה, מאַנע, מאַרצעפּאַנע —
און כ׳בין ווידער שוין נישט פריי.

מוז מיך זעצן מיט איר שפּילן,
אַז זי זאָל נישט זיין פאַרשייט,
אַכטונג געבען און זי לערנען
זי זאָל אויסוואַקסן אַ לייט.

שמחת תורה

אויף מײַן פֿאָן
איז אויסגעמאָלט —
אַ טײַבעלע
פֿון זילבער,
אַ לײַבעלע
פֿון גאָלד.

אויף מײַן פֿאָן
האָב איך אַרויפֿגעטאָן
אַן עפּעלע אַ גרינס,
אַ ליכטעלע אַ דינס.

פורים

המן הרשע
קלאַפּט אין טיר:
היינט איז פּורים,
עפנט מיר!

כ׳האָב אייך
גראגערלעך געבראַכט,
פערווי סאָרטן
פריכט און פראַכט.

אַז זיי גיבן
זיך אַ דריי,
ווערט אַ רעגן
און אַ שניי.

כ׳האָב אייך
המן־טעש געבראַכט,
וואָס מיין זרש
האָט געמאַכט

פונם בעסטן
זעמל מעל,
פרישע אייער,
גאָלדן־געל.

און דער מאַן
אין זיי איז שוואַרץ,
ווי די רשעות
אין מיין האַרץ.

קויפט זשע,
קויפט־זשע יידעלעך
מיינע שיינע גראַגערלעך!

וועט איך בענטשן
גאָט דערפֿאַר,
מיך — איך זאָל
ניט זיין קיין נאַר.

אוי בין איך
אַ נאַר געווען
און אַ רשע —
אַזש פּאַר צען.

אוי האָב איך
געהאַט אַ קאָפּ,
ערגער פון
אַ לאָקשן־טאָפּ.

און אין קאָפּ
אַזאַ געדאַנק,
ערגער פון
אַ בייזער שלאַנג.

האָט דאָרט דער
געדאַנק געדרייט:
מאַך די יידעלעך
דעם טויט.

האָט געזעגט דאָרט
ווי אַ זעג:
מאַך זיי וויסט
די נעכט און טעג.

נו, האָב איך אים
אויסגעהערט
און איך בין
אַריין אין דר'ערד.

און באַק המן־
טאַשן דאָרט,
המן־טאַשן —
פּערוּוי סאָרט.

און איך מאַך
דאָרט גראַגערס אויך,
ג ר אַ ג ע ר ן,
אַזש ס׳גייט אַ רויך.

היינט איז פּורים
מאָרגן איז אויס,
נעמט מיך אַריין
און וואַרפט מיך אַרויס.

וואַרפט מיך אַרויס
און נעמט מיך אַריין,
ניט גוט ביי די יידן
אַ המן צו זיין.

אליהו הנביא

אליהו, אונדזער נביא,
קומען וועט צו אונדזער סדר,
ווידער מיט אַ ליבן שמייכל
און אין יום־טובדיקע קליידער.

ער האָט אונדז אַ סך צו טרייסטן,
און ער וועט אונדז טרייסטן טאַקע
מיט די ליכטיקע פּסוקים
ממעמקים, ממעמקים.

נאָך די אַלע גרויסע צרות,
נאָך די ביטערע יסורים,
נאָכ׳ן חורבן, נאָכ׳ן קרבן,
נאָכ׳ן מוראדיקן שטורעם.

שווער די איינגעפאַלענע שטיבער
פונעם אַש אַרויסצוהויבן,
אָבער — אויפהויבן די רוקנס,
אויסגלייכן און גלויבן, גלויבן.

ווידער אויפהויבן דעם אָרעם
און זיך נעמען מיט בטחון
אויפבויען צוריק דאָס לעבן,
וואָס דער שונא האָט צעבראָכן.

פייגל בויען שוין די נעסטן,
לאָמיר אויכעט בויען, ברידער,
לאָמיר אָנהויבן פאַמעלעך,
פון דער נידער, פון דער נידער.

אַזוי טראַכטן איצטער יידן,
אַזוי טוען יידן קלערן
נאָך די אַלע קשיות, וועלכע
קאָנען נישט פאַרענטפערט ווערן.

אליהו, אונדזער נביא,
אונדזער הייליקער און ליבער,
נישט נאָר פולע כוסות יין
שטייען גרייט אין אַלע שטיבער,

ער זאָל קומען פון זיי טרינקען —
נאָר אויך הערצער פולע, פולע —
ער זאָל קומען און זיי טרייסטן
מיט נחמה און גאולה.

ער וועט קומען, זיכער קומען,
אומעטום, צו אונדזערע סדרים,
וואו אַ יידיש פענצטער לייכט זיך,
מזרח, מערב, צפון, דרום.

וואו אַ קינד אַ יידיש גרייט זיך
זען זיין האַנט די כוסע נעמען,
און אַ פרומע ברכה מאַכן
מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען.

די אגדה פון דער הגדה

וואָס איז אין דער הגדה דאָ?
נו, גיי, נו, צא ולמד.
פֿאַראַנען פון כל טוב אין איר
כמעט אויף איטלעך בלאַט.

נישט נאָר צו לערנען אַ סך,
צו זינגען אָן אַ שיעור
צו עסן און צו טרינקען און —
אַלצדינג איז דאָ ביי איר.

און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ־יאָר
איז דאָרטן שאַ און שטיל.
טיר און טויער צוגעמאַכט
פון סטעליע ביזן דיל.

די פלעשער וויין פֿאַרקאָרקעוועט,
די מצות — צוגעדעקט.
דער אפיקומן — ערגעץ אין
אַ ווינקעלע פֿאַרשטעקט.

נאָר ווי עס קומט דער פסח אָן,
טוט זיך אַ רודער דאָרט.
מען דאַרף קיין סך ניט, נאָר אַ שאָרך,
אַ ריר דאָס ערשטע וואָרט.

און ס'כאַפּן זיך די קשיות אויף,
דער קידוש טוט אַ גלאַנץ —
אַ קוק, אַ בליק — צי זיינען נאָך
די שיינע כוסות גאַנץ?

יאָ, אַלץ איז גאַנץ און גוט און וואויל
ווי פֿאַראַיאָרן דאָ.
דער טאַטע און די מאַמע און
די יום־טובדיקע שעה.

און יאַנקעלע און פּיניעלע
און מאָטעלע — ווער ניט?
מיר פֿאַר זייערע אייגעלעך,
פֿאַר זייער איטלעך גליד.

זיי וועלן זיך עס צעזינגען באַלד
וואו נאָר די וועלט איז גרויס;
וואו נאָר ס'איז נאָך געבליבן גאַנץ
אַ שוועל, אַ יידיש הויז.

אין דער הגדה, דאַנקען גאָט,
איז אַלץ פֿאַראַן און דאָ,
די קשיות און דער קידוש און
דער הויכער לשנה הבאה.

און ביי דעם סוף הגדה שטייט
דאָס ציגעלע און וואַרט,
אַז יאַנקעלע זאָל איינדרימלען
ביים סדר אָנגעשפּאַרט.

עס שאַרט זיך צו פֿאַמעלעכן,
און טוט אויף אים אַ בליק:
ס'איז אַלץ דאָ, טייער יאַנקעלע
שוין גוט און וואויל צוריק.

דאָס הינטעלע איז מער שוין נישט
קיין בייזער כלב־הונט,
און בייסט נישט מער, — נעם טו אַ קוק
מיין האַלדז — פֿאַרהיילט די וואונד.

און אָט האָסטו דאָס שטעקעלע
נאָ, נעם און קום מיט מיר.
דער גאַנצער זומער איז שוין היינט
אַרויס אויפֿן שפּאַציר.

ראש השנה

ניי־יאָר טוט זיך אָן אין יום־טוב,
זומער — יום־טובדיק אין זייד,
כאָטש דער זומער איילט שוין אונטער,
שטייט שוין באַלד פון יענער זייט.

זע נאָר, יידיש יינגעלע טייערס,
סאַרא געסט עס קומען אָן;
ראש השנה מיט אַ שופר,
שמחת תורה מיט אַ פאָן.

אַלטע געסט און אייביק נייע,
תמיד אָנגעלייגט און וואויל,
זון און פרייד אין זייערע אויגן
זיסער שמייכל אויפן מויל.

עפן אויף דאָס שיינע טויערל
פונעם מחזור און קוק אַריין,
תפילות ווי די גאָלדענע בעכערלעך
מיט געבענטשטן גוטן ווייַן.

תפילות — זילבערנע עטרות
איבער זייערע פרומע קעפּ:
דאַרפן מיר נישט גאָט צו דאַנקען,
וואָס מיר האָבן עס דערלעבט?

זע נאָר, יידיש יינגל טייערס,
וויפל זיידעס מיט זילבערנע בערד:
אַלטע זיידעס, ליבט זיין נאָמען,
וואָס ער האָט עס אונדז באַשערט.

זע נאָר, יידיש יינגל, טייערס,
נייע קינדער, איינ׳קלעך גאָלד.
גאָט בלייבט אונדז קיין חוב נישט שולדיק,
האָט באַלד אַלץ שוין אָפּגעצאָלט.

דאַרף מען נישט קיין ברכה מאַכן,
וואָס מיר טרעפן זיך נאָך היינט
מיט דעם שיינעם ראש השנה
און מיט אַלע זיינע פריינד?

א סוכה

זעסט די סוכה, הויט און ביינער,
דאָ אַ ברעטל, דאָרט אַ ברעט.
נאָר דער גרינער סכך דער שיינער
צערטלט איר דעם קאָפּ און גלעט:

סוכה, גוטע סוכה וואוילע,
כ׳פיר דיך שוין מיט זיך אַרום
איוף די שטעקלדיקע זיילן
איינגעהאָרבעט, שוואַך און קרום,

איבער וועלטן, איבער ערדן,
איבער ים און טריקעניש,
איבער שנאה, איבער שווערדן;
און דיין אַלטער קרומער טיש,

שטייט אויף זיינע פיס — אַ גבור,
און די בענטשליכט שיינען העל.
יאָר נאָך יאָר גייט פעסט אַריבער
דיין געבענטשטע, שמאָלע שוועל.

און די ליכט אין לייכטער ברענען,
און די מאַמעס בענטשן זיי.
ליכט און מאַמעס — הייליק זיינען
זיי — אין יעדן ווינטל־ווי.

יעדן פלאַטער, יעדן פלעמל,
ציטערט אויף דאָס האַרץ אין שרעק.
נאָר די צייטן — היינט ווי דעמלט,
יאָגן זייער אַנגסט אַוועק.

שטייט דאָס פלעשל ווייַן לקידוש,
אַלע הערן פרום זיך איין;
האָט דען אויך נישט אונזער יידיש
דעם געשמאַקן טעם פון ווייַן.

איבער וועלכן דורות, דורות
מאַכן קידוש פאַר די ליכט?
לייכטער — אייביקע מנורות —
זאָל געבענטשט און אויפגעריכט

אונדזער מזל אַזוי ווערן,
און מיר זאָלן אומעטום,
גאָט, דיין גרויסן קידוש הערן
אויף דער גאַנצער ערד אַרום.

וואָס איז אויך אַזאַ מין סוכה,
ציטערט און זי האַלט זיך פעסט.
אומרואיק די אויגן קוקן
דורך די שפּאַרעס — אויף די געסט.

פריער דער נביא אליהו
און דערנאָך? משיח אַליין — —
גאָלדענע פונקען, גרינע, בלויע
פלאָנטערן זיך אין סכך אַריין.

שייער אָפּ דאָס לעמפּל

שייער אָפּ דאָס לעמפּל,
פינקלדיקער מעש,
נייע חנוכה־לעמפּלעך
און דער אַלטער נס.

אָ באַוויז שוין ווידער
אונדז דעם נס אויפסניי,
שווערע וואָלקנס הענגען
איבער אונדז ווי בליי.

און דער שונא שטאַרקט אַלץ
איבער אונז דעם גזר,
און פון אַלע ווינקלען
חושך און געפאַר.

אויסגעלאָשענע פענצטער
אָן אַ שיין אין זיי,
פינקלען נישט קיין ליכטלעך
איבערן קלאָרן שניי.

אונדזער לעבן — חורבות
וואָיען ווינטן — וועלף,
הערט מען נישט אפילו,
ווי אַ קינד בעט: העלף!

הערט מען נישט אפילו,
ווי אַן אַלטער שרייט,
נאָר די וועלט איז פינצטער
און די וועלט איז ווייט,

און דער נס דער אַלטער
טוקט זיך, טוקט זיך, גרויט,
קיינער קומט נישט צינדן
זיין פאַרשמאַכטן קנויט.



חנוכה

איינס, צוויי, דריי, פיר,
פינף, זעקס, זיבן, אַכט.
שיינע חנוכה־ליכטלעך
ברענען יעדן אויפדערנאַכט.

הענגט דאָס חנוכה־לעמפּעלע,
אָפּגעשייערט אויפן וואַנט,
און אַ לייב ביי יעדער זייט
האַלט אַ ליכט־רערל אין האַנט.

און מיט גרויסע אותיות
איז אונטן אויסגעמאָלט:
„חנוכה" — נו שיינען זיי,
שיינען שענער נאָך פון גאָלד.

שיינען זיי, די ליכטעלעך
שיינען יעדן אויפדערנאַכט —
איינס, צוויי, דריי, פיר,
פינף, זעקס, זיבן, אַכט.

משהלע

דער טאַטע איז געפאָרן
קיין ראָזע־דעראָזען,
האָט ער די קינדער
מתנות געלאָזן,

האָט ער געלאָזן
די זיבן ברידער
אַ געלע מגילה,
אַ גילדערנעם סידור,

אַ מעבר יבוק,
אַ שטילן תהילים,
אַ סאַמעטן זעקעלע
טלית און תפילין.

און דעם קליינעם משהלען
האָט ער געלאָזן
אַ קליינטשיק שיינטשיק
ברכת המזון.

וויל דער קליינעקער
רק עסן און עסן
און בענטשן — ער זאָל נישט
דאָס בענטשן פאַרגעסן.

אַן עסל — אַ בענטשל —
אַ בענטש און אַן עסל,
און משהלע איז שוין
אַ קיילעכדיק פעסל.

אַ טאַטע באַקלאָגט זיך

ווײל מײַן ייִנגעלע נישט לערנען
פון מײַן אַלטן אלף־בית.
הויב איך ראשית אָן צו שמייכלען,
שמייכלען טרויעריק און בייז.

זעץ אים ביי מײַן טיש אַנידער:
לערנסט היינט אַ גאַנצע שעה!
ביז וועסט קענען אַלע אותיות
אויפן געלן בלעטל דאָ.

זאָג איך: אלף, זאָגט ער: אלף,
בית און גימל, דלת, הא,
נאָכדעם פּאָר איך אים צוזאַמען
אותיות צו צוויי, צו צוויי.

נאָר עס הויבט אים אַזאַ אומרו,
און ער וויגט זיך הער און הין.
הויבט די הענט אויף אינדערלופטן,
גרייט זיך וואו אַוועקצופלי׳ן.

מאַכט מײַן אלף־בית אים אומעטיק?
חנעוודיקער ייִדיש מײַן
האָט ביים ייִנגעלע ביים ליבן
נישט געפונען נאָך קיין חן?

שאַרט אויך פון זיך אָפּ דאָס בלעטל
מיט אַזאַ מין פרעמדער האַנט.
בלייב איך זיצן מיט די אותיות
ביי דעם טישל, ביי דער וואַנט.

נעם אַליין זיי לייענען, לייענען
מיט אַ ניגון ליב און מילד,
האָב זיך מיט די וואוילע ווערטער
יינגליש, קינדעריש פאַרשפּילט.

שטעל צונויף די גרינגסטע ווערטער,
ווער אַליין פאַרגאַפט דערביי.
יונגע ווערטער אַלט־באַקאַנטע
נעמען זינגען, קלינגען ניי.

כ׳זאָג זיי נאָך אַמאָל און איבער:
מאַמע, טאַטע, יינגל, קינד,
פייגל, צווייגל, בין און זומער
גרינגע בלעטער, בלויער ווינט.

און איך קען שוין ריכטיק לייענען —
איז מיר אַזוי גוט און שיין
מיט די ניי־צעבליטע ווערטער,
אַלטן, טרויעריקן חן.

אויפן פּריפּעטשיק

וויפל לידער אויסגווייניק
קענט איר, ליבע קינדער טייערע?
און די קינדער אַלע ענטפערן:
אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל!

און ס׳צעזינגען זיך די קליינע,
אַז ס׳איז אַ מחיה הערן,
און עס זינגט מ׳ט זיי אינאיינעם
שטיל, בנעימות אויך דער לערער.

ווײַל ער האָט אַליין דערמאָנט זיך:
אין די קינדער־יאָרן זיינע
פלעגט ער זינגען אָט דאָס לידל.
און די אויגן זיינע שײַנען,

און אים טוט אַזוי הנאה,
וואָס ער האָט דערלעבט אַצינדער
מיטזינגען דאָס חדר־לידל
מיט אַזאַ משפּחה קינדער,

וואָס דאָס וואַרעמע ליד דאָס זיסע,
מיטן פּײַערל, מיטן ליבן,
האָט וואַרשאַווסקי, אונדזער דיכטער,
פֿאַר אונדז אַלע אָנגעשריבן.

קאָן דען אַזאַ ליד אַן ערלעכס
עלטער ווערן, חס וחלילה,
אַז עס קאָן אויף אַלע ווערטער
אַזוי זינגען אַזוי שפּילן?

און אין צײַטן קאַלטע, גרויע,
טוט עס אונדז דערוואַרעמען ווידער,
אַזאַ ליד מעג שוין אַרײַנגיין,
כאָטש אין פּאָליש פֿונעם סידור.

וויפֿל טויזנטער, טויזנטער קינדער,
אפשר גאָר מיליאָנען גאַנצע,
האָבן שוין דאָס ליד געזונגען.
אויגן גליִען, אויגן גלאַנצן,

פּײַערלעך, פּײַערלעך, יידישע פּײַערלעך,
פֿונדערווײַטנס, פֿונדערנאָענט,
פֿענצטער צינדן זיך אין שטיבלעך
אינעם טונקל־בלוי פֿון אָוונט.



ז י י ד ע ס

דאָס שיינע ייִנגעלע וויל אַ זיידן,
אַ זיידן מיט אַ ווייסער באָרד
ער זאָל אים לערנען יידיש ריידן,
אַ זיידן מיט אַ יידיש וואָרט.

דעם שכנס ייִנגל האָט אַזש צוויי זיידעס,
און ביידע מיט ווייסע לאַנגע בערד,
קען ער שוין טאַקע יידיש ריידן,
וואָס אַזוינס האָט איר נאָך נישט געהערט.

און מעשיות קען ער איבערדערציילן
פון די זיבן ברידער פון ווילדן וואַלד,
וואָס ער ציט זיך פון טערקיי ביז פוילן
און איז שוין אפשר טויזנט יאָרן אַלט.

אונדזער צימער

די פיר ווענט:

מיר זיינען זייער פריילעך,
קינדערלעך, מיט אייך,
וואָס איר לערנט זיך גוט
און זיצט אַלע גלייך
שטילע, שטילערהייט
אַזאַ גוטע פרייד.

ערשטע וואַנט:

איך, די ערשטע וואַנט,
האַלט דעם טאָוול אין מיין האַנט,
אַז איר זאָלט זיך לערנען שרייבן
ווערטער אַלערליי —
איינס און איינס איז צוויי.

צווייטע וואַנט:

איך, די צווייטע וואַנט,
האַלט די פעצטער אין מיין האַנט.
דורך די פענצטער שיינט אַריין
טאָג און ליכט און שיין.
מיינע ליבע קינדערלעך
קוקט אין ביכעלעך אַריין.

דריטע וואַנט:

איך, די דריטע וואַנט,
קוק אויף אַלע קינדער נאָכאַנאַנד,
ווי זיי זיצן גלייך און שיין
און זיי שרייבן זייער ריין
און זיי לערנען זייער פיין,
ווי עס דאַרף צו זיין.

פערטע וואַנט:

איך, די פערטע וואַנט,
האַלט אויך אַ טאָוול אין דער האַנט.
און די טיר אין דער צווייטער האַנט.
עפן איך גאַנצפרי די טיר
קומען קינדערלעך אין איר.
„אַ גוט מאָרגן, קינדער אייך”!

זעצן זיי אַוועק זיך גלייך,
און זיי לערנען,
און זיי שרייבן,
און זיי מאָלן,
זאָכן אַלערליי.
איינס צוויי,
דריי, פיר,
פינף, זעקס,
זיבן, אַכט
ביז פאַרנאַכט,
ביז פאַרנאַכט.

נ ע ז ע ר

אַז מען האָט אַ נאָז אַ לאַנגע
איז נישטאָ וואָס צו לאַכן.
און אַז מען האָט אַ נאָז אַ קורצע,
קאָן מען זי אויך נישט איבערמאַכן,
און בייטן זיך מיט זיי
קאָן מען אויכעט ניט,
נאָר וואָס, רב ייד,
איז דער אונטערשיד:
אַ ביסל קורץ, אַ ביסל לאַנג,
אַבי זי פאַרקילט זיך ניט,
און ווערט ניט קראַנק,
און נעמט נישט ניסן,
און לאָזט נישט וויסן
יעדע רגע: כ׳בין דאָ,
אין אַ גוטער שטאָט,
אין אַ גוטער שעה.

אַ קינדערלעך, לאַכט־זשע ניט
פון קיין שום נעזער,
צי קאָן מען דען וויסן
וועלכע ס׳איז בעסער־
אַ קורצע איז גוט,
אַ לאַנגע — אויכעט
אַבי נישט פאַרשמירט
אַבי נישט פאַררויכערט.
אַבי נישט פאַרדרייט,
אַבי נישט פאַרקאַרטשעט,
אַבי נישט פאַרפאָנפעט.

אַבי נישט פאַרוואָרטשעט.
אַ נאָז איז אַ נאָז,
און נעמט נישט קיין מאָס.

בערעלע דאַרף אַלצדינג וויסן

בערעלע דאַרף אַלצדינג וויסן,
האַלט ער תמיד אין איין פרעגן:
פאַרוואָס גייען קאַטשקעס באָרוועס
און פאַרוואָס עס גייט אַ רעגן
שפּעט ביי נאַכט, ווען אַלע שלאָפן
און עס זעט אים גאָרנישט קיינער,
גייט אַזוי זיך אום אַ רעגן
און ער קלאַפּט איבער די שטיינער.

לייגט מען אָפּ דערווייל די פראַגע,
זי וועט נישט ווערן אַלטגעבאַקן.
אָט אַזעלכע פראַגעס קאָנען
וואַרטן ביז מ׳וועט זיך דערמאָנען.
היינט צי מאָרגן, איבערמאָרגן
און אפשר נאָך שפּעטער טאָקע,
זאָל זיך ליגן, זאָל זיך רוען
בערעלעס אַ טיפע פראַגע.

און דערווייל, בחור גוטער,
עס דיין שטיקל ברויט מיט פּוטער,
ברויט מיט פּוטער קאָן נישט האַרן,
ס׳קאָן נאָך אָנהויבן צו דאַרן;
אָבער די פיינע פראַגעס קאָנען
וואַרטן ביז מ׳וועט זיך דערמאָנען
און וואָס שפּעטער איז אַלץ בעסער.
און אַז בערעלע וועט ווערן גרעסער,

וועט ער אפשר גאָרנישט וועלן
מער אַזעלכע פראַגעס שטעלן.

אויפגעוועקט זיין שוועסטערל

וואָס וויינט אַזוי דאָס פּעמפּיקל
צי האָסטו אים עפּעס געטאָן?
כ׳האָב אים געגעבן אַ פּעטשעלע,
ווייל ער האָט געקרייט ווי אַ האָן.

ער האָט אויפגעוועקט זיין שוועסטערל,
וואָס איז געשלאָפן געשמאַק,
דערפאַר האָב איך אים אַ פּעטשל געטאָן
אין זיין רעכטער באַק.

איצט דאַרף איך זיצן שעה נאָך שעה
און וויגן זי, וויג־און־וויג.
זי דרימלט אַ קליינע רגע איין
און כאַפּט זיך אויף צוריק.

זי כאַפּט זיך אויף און טוט זיך אַ שטעל
אויף אירע ביידע פיס,
און האַלט אין איין פרעגן נאָכאַנאַנד,
וויפל דער זייגער איז?

— דער זייגער איז גאָרנישט, דער זייגער איז
געבליבן אינמיטן שטיין.
און שלאָפט, ווי אַ פערדל שטייענדיק
אין קיך אויפן טיש אַליין.

כ׳האָב אַ הענדל

כ׳האָב אַ הענדל
קרייט ער ניט.
כ׳האָב אַ פערדל
גייט ער ניט.

כ׳האָב אַ פויגל
פליט ער ניט.
כ׳האָב אַ צווייגל
בליט עס ניט.

כ׳האָב אַ הינטל
בילט ער ניט.
כ׳האָב אַ פידל
שפּילט ער ניט.

ס׳איז נאָר שפּילצייג
און איך מוז —
שלעפן פאַרן צוים
מיין סוס.

קרייען פאַר
מיין תרנגול
מיט אַ טרובקע
אין מיין מויל.

פאַר מיין כלב
ביל איך אויך,
האווקע אַזש
עס גייט אַ רויך.

נאָר מער פון אַלצדינג
האָב איך ליב
מאַכן ווײַנשל
מיט מיין ליפּ.

מיט אַ פּעדעמל
שטייף איך איין
אַ קליין ווײַנשעלע
מיט ווײַן.

איז אַ ייִנגל זיך געזעסן

איז אַ ייִנגל
זיך געזעסן
אויף אַ בערגל
און פֿאַרגעסן,
אַז ער האָט
ניט געגעסן.

און דער טאָג
איז זיך געגאַנגען
אויף זײַן גרויסן
וועג, זײַן לאַנגן,
און מיט טריט
ווי גאָלדענע קלאַנגען.

און דער אָוונט
איז געקומען,
און די וועלט
אַרומגענומען
מיט אַ בלויען
שײַן, אַ פֿרומען.

פּלוצלונג — ווער
און וואָס, פֿון וואַנען —
האָט דאָס ייִנגל
גענומען שפּאַנען
און האָט זיך
געטאָן דערמאַנען.

אַז ער איז
אַהיימגעקומען,
האָט ער אַזש
גענומען ברומען
און — צום עסן
זיך גענומען.

און ער איז
ביים טיש געזעסן
און געגעסן,
און געגעסן
און די גאַנצע
וועלט פאַרגעסן.

אַרעלע

אַ טאטע האָט יינגעלע —
דאָס יינגעלע הייסט אַרעלע,
איז אַרעלע אַ וואוילינקער,
און גאָר שוין נישט קיין נאַרעלע.

מאַכט ער זיך אַ שפּיל אַזאַ
מיט זיך אַליין: אויב אַרעלע —
דאַן מוזטו, טאַטע, מיר צום גראָם
קויפן אַ גוט באַרעלע.

און מאָרגן, טאַטע, רוף איך זיך —
ווילסט אפשר טרעפן? הערשעלע!
אויב הערשעלע, דאַן וועסטו מיר
שוין קויפן אַ רויט קערשעלע.

און איבערמאָרגן, טאַטעשי,
וועל איך הייסן פּינעלע!
וועסטו מיר קויפן, טאַטעשי,
אַ קליין ישראל־מדינהלע.

איך מיין אַזאַ מין מאַפּעלע,
מיט פּאַסיקלעך, מיט שטעקעלעך,
ישובים און ישובימלעך,
פיצעלעך און ברעקעלעך.

אַ פּאַסיקל — אַ טייכעלע,
אַ פּינטעלע — אַ שטעטעלע,
און דער ים כנרת — אויפן מאַפּעלע,
ווי אַן אַראָפּגעפאַלן בלעטעלע.

אַ נאַרעלע

איז געווען אַן אַרעלע,
אַ יינגעלע, אַ נאַרעלע.
האָט ער ליב געהאַט צו עסן
וואָס מ׳האָט אויפן טיש פאַרגעסן.
אַזאַ נאַרעלע.

האָט ער ליב געהאַט צו ריידן,
ווען די באָבע מיטן זיידן
האָבן צווישן זיך גערעדט,
בוידעם, אוידעם, לאָקשנברעט.
אַזאַ נאַרעלע.

האָט ער ליב געהאַט צו זיצן
לעבן אויוון און צו שוויצן.
און נאָכדעם אַרויס זיך שפּילן
אויפן גאַס און זיך פאַרקילן.
אַזאַ נאַרעלע.

איציק

גיט מען איציקן ברויט מיט שמאַלץ,
וויל ער ברויט מיט פּוטער.
זאָגט מען: איציק איז אַ שלעכטער,
שרייט ער: איציק איז אַ גוטער!

און אין טינט אין בלויען — אַלע
פינגער איינגעטונקען,
און די ליפּן בלוי — מסתמא
דעם טינטער אויסגעטרונקען.

נעמט די מאַמע אים צום וואַשן,
צום זייפן און צום רייבן,
וויינט זיך איציקל פונאַנדער:
— כ׳וועל שוין קיינמאָל מער נישט שרייבן.

— שרייבן דאַרף מען, נאָר מען דאַרף זיך
נישט מיט טינט פאַרשוואַרצן!
רעדט און רעדט די מאַמע זײַנע
און זי האַלט זיך אַזש ביים האַרצן.

און דער טינט פון איציקס פינגער
איז נאָך אַלץ נאָך נישט אַרונטער.
— איציקל, איז נאָך געבליבן
כאָטש אַביסל טינט אין טינטער?

א בחור מיט אַ נאָז



וואו איז דער בחור
מיט דער לאַנגער נאָז?
ער האָט זיך געלאָזן
דעריאָגן אַ האָז.

דער האָז איז געלאָפן
און ער נאָכן האָז,
און פאַראויס איז געלאָפן
זיין לאַנג־לאַנגע נאָז.

און לענגער, אַלץ לענגער
איז געוואָרן די נאָז,
און געלאָפן אַזוי ווי
אַ שלאַנג נאָך אַ האָז.

און דער האָז איז אַריין
ווייט אין טיף־טיפן גראָז,
און דער בחור איז געבליבן
מיט — אַ לאַנגער נאָז.